# וכל מאמינים

**א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים**

פרשת **חוקת** תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 439



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
מוהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר י"ג אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### די מצוה פון פרה איז עדות אויף כל התורה כולה

**"זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָרָה אֲדֻמָּה תְּמִימָה"** (יט ב)

די פרשה רעדט וועגן די מצוה פון פרה וואס איז מטהר די טמאים, אויב אזוי פארוואס הייבט זיך עס אן "זאת חוקת התורה", און נישט 'זאת חוקת הטהרה', אזוי ווי די תורה הייבט אן די פרשה פון קרבן פסח מיט "זֹאת חֻקַּת הַפָּסַח" (שמות יב מג)?

ערקלערט דער 'אור החיים' הקדוש:

מקיים זיין די מצוות שכליות וואס האבן א טעם איז נישט קיין באוויז אז מיר זענען משועבד צו קיום המצוות, די גוים זענען דאך אויך מקיים אזעלעכע מצוות. נאר מקיים זיין די מצוות וואס זענען בגדר 'חוק' אן קיין טעם, ווייזט אז מיר זענען משועבד צו אלע מצוות פון די תורה. דעריבער האט די תורה אנגעהויבן די פרשה פון פרה: "זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה", אונז לערנען אז דער וואס איז מקיים די מצוה וואס האט נישט קיין טעם, מעלה עליו הכתוב כאילו ער האט מקיים געווען כל התורה.

מיט אט דער יסוד האט ערקלערט דער **'באר משה'** פון אוזורוב וואס מיר זאגן אום חנוכה ביי די תפילה פון 'על הניסים': "כשעמדה מלכות יון הרשעה על עמך ישראל להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך; די תוצאה פון "להעבירם מחוקי רצונך", מוז זיין "להשכיחם תורתך", ווייל דורך נישט לאזן טון די מצוות פון די תורה ווייל אזוי האט השי"ת געהייסן, וועט ח"ו פארגעסן ווערן תורה פון כלל ישראל.

'אור החיים'; 'באר משה' משפטים עמ' תשמו

### מכוון זיין 'על דעת הראשונים'

**"זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָרָה אֲדֻמָּה תְּמִימָה"** (יט ב)

רש"י (ע"פ תנחומא ח) ערקלערט אז דער לשון הפסוק: "וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ" קומט לערנען אז הקב"ה האט צוגעזאגט פאר משה אז די מצוה וועט שטענדיג אנגערופן ווערן אויף זיין נאמען - "פרה שעשה משה במדבר". און מען דארף פארשטיין: דערנאך וואס אלעזר בן אהרן האט זיך אפגעגעבן מיטן פארברענען די פרה און צוגרייטן די אש, וואס איז די באדייט אז די מצוה ווערט אנגערופן אויף משה רבינו'ס נאמען?

ענטפערט רבי אהרן שמואל קאיידנובער בעל 'תפארת שמואל' בשם 'חכם אחד':

די חכמי הקבלה שרייבן אז היינט צו טאג האבן מיר נישט די מעגליכקייט אינזין האבן די ריכטיגע כוונות ביים דאווענען שמונה עשרה, דעריבער זאל דער מענטש אינזין האבן 'על דעת הכוונות והסודות' וואס די אנשי כנסת הגדולה האבן מכוון געווען ווען זיי האבן עס מתקן געווען.

און עס ווערט געברענגט אין מדרש (במ"ר יט ו) אז הקדוש ברוך הוא האט געזאגט צו משה: "לך אני מגלה טעם פרה, אבל לאחרים - חוקה". קומט אויס, אלע כהנים וואס האבן געטון די פרה אדומה אין לויף פון אלע דורות, האבן נישט געקענט מכוון זיין ווי עס דארף צו זיין, ווייל זיי האבן דאך נישט געוואוסט דעם טעם, און וועגן דעם האבן זיי אינזין געהאט 'על דעת הכוונות שכיוון משה במדבר', קומט אויס אז שטענדיג - אין אלע דורות - ווערט די מצוה אנגערופן אויף משה'ס נאמען.

'ברכת שמואל' כי תשא

### עמלק האט משנה געווען צווישן 'כסות' און 'לשון'

**"וַיִּשְׁמַע הַכְּנַעֲנִי מֶלֶךְ עֲרָד יֹשֵׁב הַנֶּגֶב כִּי בָּא יִשְׂרָאֵל דֶּרֶךְ הָאֲתָרִים וַיִּלָּחֶם בְּיִשְׂרָאֵל וַיִּשְׁבְּ מִמֶּנּוּ שֶׁבִי"** (כא א)

רש"י טייטש אז דער 'כנעני' וואס האט מלחמה געהאלטן מיט די אידן איז געווען עמלק, און די תורה רופט זיי אן "הכנעני" ווייל זיי האבן געטוישט זיין שפראך און גערעדט בלשון כנענית כדי צו פארדרייען די אידן זיי זאלן נישט דאווענען גערעכטעוועט ווערן פון די ריכטיגע פאלק. אבער ווייל זיי האבן נישט געטוישט זייערע קליידער האט דאס ערוועקט די חשד פון די אידן אז עס האנדלט זיך פון א פאפערײ, און וועגן דעם האבן זיי געדאוונט אויף זייער רעטענונג אן צו דערמאנען א נאמען.

די **בעלי התוספות** (ג א ד"ה וישמע) זענען מעיר אויף דעם ווייל פון דער לשון הפייטן אין די יוצרות אויף פרשת זכור: "כסות ולשון שינה, היות כמלך ערד", זעט אויס אז עמלק האט געטוישט די שפראך און די קליידער?

אבער דער **מהרש"א** (ח"א שם) ערקלערט אז די כוונה פונעם פייטן איז נישט צו זאגן אז עמלק האט געטוישט זיינע קליידער און זיין שפראך, נאר אדרבה, געמאכט א אונטערשייד צווישן זיין שפראך און זיינע קליידער, און אזוי ווי רש"י ערקלערט אז טראץ ער האט געטוישט זיין שפראך אויף כנענית, איז ער איבערגעבליבן אנגעטון מיט די קליידער פון עמלק.

## פתחו שערים

**די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'**

### "אני מאמין באמונה שלימה"

אמונה איז דער יסוד פון די אידישן לעבן, דאס איז דער מקור וואס געבט די מעגליכקייט צו קענען שטיין פעלזן פעסט אקעגן די רוישיגע כוואליעס וואס ווילן קעמפן אקעגן די רוחניות און גשמיות, אזוי ווייט אז ווען חבקוק האט געוואלט אוועקשטעלן איין יסוד וואס אויף דעם איז באזירט די גאנצע תורה, האט ער אויסדערוועלט אמונה זאגנדיג: "וצדיק באמונתו יחיה".

אין זיין הקדמה צו פרק 'חלק' ערקלערט דער רמב"ם די דרייצן עיקרי אמונה, ווען ער בעט דעם ליינער: "טו חזר'ן די ווערטער אסאך מאל, און זיי דיך גוט מתבונן אין זיי". און טאקע אזוי, אסאך פירן זיך טאג טעגליך איבער'חזר'ן די דרייצן עיקרי אמונה. דאס איבער'חזר'ן שטענדיג ווארצל'ט איין די אמונה אין די הארץ.

עס זעט אויס, אז אויף דער ציל איז געווידמעט געווארן די מצוה פון ענטפערן 'אמן'! דאס איז נישט מיין חידוש, נאר אפענע ווערטער וואס קומט ארויס פון די פענע פון רבנו בחיי אין זיין באקאנטן פירוש אויפן פסוק (שמות יד לא): "ויאמינו בה' ובמשה עבדו" - "ומפני שהאמונה יסוד כל התורה כולה תיקנו לנו רבותינו זכרונם לברכה בתפילה ובברכות לענות אמן, שהוא נגזר מלשון אמונה...".

יא! ווען מיר הערן ווי א איד לויבט דעם באשעפער מיט א ברכה, און מיר שטימען צו צו זיין ברכה דורך ענטפערן 'אמן', טון מיר גראבן טיף און פעסטשטעלן די ווארצלען פון אמונה אין אונזערע הערצער. אן אויסגעצייכנטער ביישפיל אויף דעם איז ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר.

ביים ענטפערן אמן אויף ברכות השחר, דערקלערן מיר אונזער אמונה אז השי"ת איז דער מלך פון דער וועלט וואס פירט עס מיט א השגחה פרטית אין יעדע צייט און אין יעדע מינוט, ער איז דער וואס טוט באנייען די כח הראיה, דער וואס געבט אונז די מעגליכקייט צו רירן אונזערע גלידער, ער גרייט אן אונזערע פוס טריט און ער איז "הגומל חסדים טובים לעמו ישראל".

אזוי איז אויך מיט שמונה עשרה; ביים ענטפערן אמן אויף חזרת הש"ץ, רופן מיר אויס און מיר טון באפעסטיגן אונזער אמונה אין תחיית המתים און ביאת המשיח, אין דעם וואס ה' האט באשאפן דער וועלט און מיר זענען אפהעניג אין אים אגאנצע צייט און אין יעדע זאך.

אזוי איז מיט ענטפערן אמן אויף די ברכה "שהכל נהיה בדברו" און אויף אלע ברכות הנהנין, און מיר וועלן נישט מאריך זיין אלעס אויסרעכענען, ווייל דער געדאנק איז פארשטענדליך, ישמע חכם ויוסיף לקח.

א דאנק די טויזענטער און צענדליגער טויזענטער אמן'ס וואס מיר ענטפערן, ווערט די אמונה מיט אלע אירע איינצעלהייטן א טייל פון אונז, און אלס א דירעקטער רעזולטאט פון דעם ווערט פארשטארקט אונזער כח צו קענען ביישטיין די נסיונות פון דער תקופה און בלייבן דבוק אין ה' יתברך אין יעדע צייט און אין יעדע מצב.

**מיט א רוף "ויאמינו בה'"**

**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# די רויבער זענען געשיקט געווארן פון הימל

דאס לעבן פון הגאון רבי שלום מאיר יונגערמאן זצ"ל, גרינדער פון קהילת בני התורה אין זכרון יעקב, מיט אירע פארצווייגטע הערליכע מוסדות, איז געווען צוטיילט צווישן זיך אויפהאלטן לענגערע צייטן אין חוץ לארץ און זיין לעבן אין ארץ הקודש; אין ארץ הקודש האט ער געוואוינט, דארט האט ער געפירט זיינע מוסדות און מרביץ תורה געווען פאר תלמידים, און אין די חוץ לארצ'דיגע לענדער איז ער ארום געלאפן מיט די גרעסטע אנשטרענגונג פון לאנד צו לאנד און פון שטאט צו שטאט זאמלען געלטער אז זיינע פיל מוסדות זאלן קענען עקזיסטירן און אויסהאלטן די טויזנטער תלמידים וואס האבן זיך באשיצט אין זייער שאטן און געלערנט תורה צווישן זייערע ווענט - פון זייער יוגנט ביז זייער עלטער.

אין די לענגערע תקופות וואס ער האט זיך אויפגעהאלטן אין אמעריקא, האט הרב יונגערמאן געוואוינט אין א באשיידן קעלער וואס ער האט געדונגען אין בארא פארק, ניו יארק. דער קליינער קעלער האט ענטהאלטן א צימער וואס איז פאר אים גענוצט געווארן אלס וואוינונג, און נאך צימערן וואס זענען



דער שול 'אוהל יעקב' אין זכרון יעקב

גענוצט געווארן אלס אפיס, וואו זיינע ברייטע פינאנציעלע אקטיוויטעטן אין אמעריקא זענען דארט אדורכגעפירט געווארן צו קענען אויפהאלטן זיינע מוסדות אין ארץ הקודש.

אין זיין קליינעם צימער אין קעלער האט הרב יונגערמאן אויסגענוצט יעדע ליידיגע מינוט וואס ער האט פארמאגט זיך צו מאטערן און פלאגן אין תורה און מוסר, און שרייבן זיינע פיל חידושים און ספרים וואס דורך זיי האט ער פארגרינגערט פאר די לומדים די ווערטער פון רבותינו הראשונים.

דאס איז געווען אין א נאכט שטונדע. הרב יונגערמאן האט יענע נאכט געדארפט זיך ארויסלאזן אויף אן אינערליכע רייזע אין איינע פון די מדינות אין אמעריקא, די צייט וואס עס איז אים איבערגעבליבן ביזן ארויסגיין האט ער אויסגענוצט אויף זיצן אין זיין צימער און לערנען תורה, מיטאמאל האט זיך געהערט א שטארקער גרודער פון די ריכטונג פון די קליינע הויף וואס האט אפגעטיילט צווישן די קעלער און די דערנעבנדיגן גאס. הרב יונגערמאן איז ארויס אין הויף, און זעט ווי א טויטע קערפער פון א גרויסע הונט ליגט אראפ געווארפן אין הויף.

די ניו יארק סיטי' העלט קעיר סיסטעם (מערכת הבריאות) האט געשטעלט שטרענגע רעגולאציעס וויאזוי באזייטיגן די טויטע קערפער פון בעלי חיים, און ווי עס זעט אויס דער אייגנטומער פון די טויטע הונט וואס האט געזוכט א וועג זיך צו באפרייען פון די טויטע קערפער, האט באשלאסן אויסוועלן די גרינגסטע וועג און עס אריינווארפן אין דער ערשטער הויף וואס ער וועט טרעפן.

הרב יונגערמאן איז געשטאנען אנטקעגן דעם אומגערופענעם גאסט אינגאנצן פארלוירן; איבערלאזן די טויטע קערפער אין הויף ביז ער קערט זיך צוריק פון דער רייזע איז נישט געקומען אין באטראכט צוליב פארשטענדליכע סיבות, אויך די אפציע עס צו ווארפן אין די מיסט האט נישט עקזיסטירט, וויבאלד אין ניו יארק איז עס אן ערנסטע זינד אקעגן די געזעץ, און אויף דעם ליגט א שווערע פינאנציעלע שטראף.

ער האט שנעל געמוזט געפינען א וויסטן ארט וואו דארט זאל ער קענען אוועקווארפן די קערפער, אבער די געגנט וואו ער איז געווען איז געווען שטארק א באוואוינטע געגנט און די צייט פון הרב יונגערמאן איז געווען ענג. נישט האבנדיג אן אנדערער ברירה אין דער האנט, איז ער געצווינגען געווען מיטנעמען דעם טויטן הונט אויף די רייזע, האפנדיג אז אויפן וועג וועט ער געפינען א לעזונג פאר זיין פראבלעם; ער האט געפונען א גרויסן רענצל, און אריינגעשטיפט דעם טויטן הונט, דאן האט ער גענומען זיין פערזענליכן טאש אין דער האנט און זיך געאיילט ארויס גיין צו דער באן סטאנציע, שלעפנדיג די שווערע רענצל מיט זיך.

הרב יונגערמאן האט זיך זייער געאיילט, אין דעם קורצן וועג האט ער געזוכט צו געפינען א געהעריגע ארט, וואו ער קען זיך אפ'פטר'ן פון דער שווערן לאסט, אבער די וועג האט געטומלט מיט אדורכגייער. אזוי איז ער געצווינגען געווען ארויפגיין אויפן באן, ווען די רענצל ווערט נאכגעשלעפט נאך אים.

"אויב איך טרעף נישט קיין אנדערע לעזונג", האט הרב יונגערמאן געטראכט צו זיך אינגאנצן צובראכן, "וועל איך מוזן פארזעצן מיט דער באן ביז דער סטאנציע נעבן די ים, איך וועל שפאצירן ביז צו די וויסטע ברעג, וואו דארט וועל ענדליך זיך קענען באפרייען פון די שווערע לאסט...". דאס איז געווען די איינציגסטע לעזונג וואס איז אים אויפגעקומען, אבער עס איז געווען פארבינדן מיט אויספאטשקען אסאך צייט און מי.

"רבונו של עולם", איז די תפלה ארויסגעקומען פון זיין הארצן, "ביטע העלף מיר זיך באפרייען פון די דאזיגע צרה אויפן גרינגסטן און שנעלסטן וועג אן צו אינוועסטירן כח און צייט דערפאר, טוה איך זאל קענען אויסנוצן דעם כח און צייט צו מקיים זיין תורה און מצוות, און נישט מוזן עס אויספאטשקענען אויף גארנישט...".

בשעת זיינע ליפן האבן געשעפשעט מיט די געבעט, האט ער נישט באמערקט די צוויי פארדעכטיגטע פארשוינען וואס האבן זיך דערנענטערט צו אים פאמעליך. דאס זענען געווען צוויי שווארצע גוים, וואס זעהענדיג זיין עלעגאנטער אויסזען האט דאס זיי צוגעברענגט טראכטן אז ער טראגט מיט זיך א גרויסער פארמעגן. די שווערע רענצל וואס איז געשטאנען נעבן אים, האט ערוועקט זייער אפעטיט...

אין יענע יארן האבן אסאך אזעלעכע פארשוינען זיך געדרייט אין די ניו יארק'ער באן-סטאנציע, יעדן טאג זענען דארט פארגעקומען הונדערטער פעלער פון גניבה און רויבעריי. די גנבים פלעגןווארטן ביז די סקונדע איידער די טירן האבן זיך פארמאכט און פארלאזט די סטאנציע, אין די סקונדע פלעגן זיי אוועקשלעפן זייער רויב און אנטלויפן פון דער באן מיט זייער רויב אין האנט.

די צוויי גנבים, וואס האבן זיך דעמאלטס דערנענטערט צו הרב יונגערמאן האבן אויך געפלאנט צו טון אזוי; די באן האט זיך אפגעשטעלט ביי די קומענדיגע סטאנציע און די טירן האבן זיך געעפנט, מענטשן זענען ארויף און אראפ, און די סקונדע וואס דער גלאק האט געקלונגען און געווארנט אז די טירן פארמאכן זיך, האבן די צוויי אוועק געכאפט די שווערע רענצל און אנטלאפן.

הרב יונגערמאן האט א קוק געטון אויף די צוויי 'שלימזל'עך' וועלכע האבן זיך שנעל דערווייטערט, ווען זייערע ברייטע שמייכלען דערציילט אויף זייער פרייד איבער די גרויסע עשירות וואס ווארט זיי אפ, און א מינוט שפעטער האט ער אויסגעבראכן אין גרויסע געלעכטער. די פאסאזשירן וועלכע זענען געשטאנען נעבן אים און האבן צוגעזען דעם אינצידענט, האבן געשאקלט זייער קאפ מיט וואונדער. זיי האבן קיינמאל נישט געזען א מענטש זאל אויסברעכן אין א געלעכטער נאכן בארויבט ווערן זיין פערזענליכע רענצל...

אינצווישן האט הרב יונגערמאן דערגרייכט צו זיין סטאנציע און איז אראפ צו זיין וועג, ווען זיינע ליפן שעפשען א לויב אויף די נסים'דיגע לעזונג וואס השי"ת האט צוגעשטעלט פאר זיין פראבלעם.

ביזן סוף פון זיין לעבן, ווען הרב יונגערמאן האט געשמועסט מיט זיינע קינדער איבער דער געשעעניש וואס ער האט צוגעזען מיט זיינע אויגן, האט ער נישט געקענט באהאלטן זיין שמייכל. דאס טראכטן אויף די דערשטוינטע פנים'ער פון די גנבים בשעת אנטדעקן דעם גרויסן 'אוצר' וואס זיי האבן גע'גנב'עט האט נישט געקענט צוברענגען צו א אנדערע רעזולטאט...

געהערט פון די בני המשפחה

# ברכו אמוני

א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

## די ברכה 'את צמח דוד'

### די מקור פון די ברכה

לויט די ירושלמי (ברכות ב ה, ע"פ תוספות רי"ד תענית יג א) האבן די אנשי כנסת הגדולה נישט מתקן געווען א עקסטערע ברכה אויפן באנייען מלכות בית דוד, נאר די בקשה אויף דעם האבן זיי אריינגערעכנט אין די ברכה אויף בנין ירושלים, און אויך ביי די חתימה האבן זיי עס אריינגערעכנט: "ברוך אתה ה' אלקי דוד ובונה ירושלים".

אבער פון דער לשון פון בבלי (מגילה יז ב) זעט אויס אז לכתחילה האט מען מתקן געווען א עקסטערע ברכה אויף חידוש מלכות בית דוד, און עס צוגעשטעלט צו די ברכה 'בנין ירושלים' ווייל נאך בנין ירושלים און די בית המקדש וועט צוריקקומען מלכות בית דוד.

עס איז דא וואס שרייבט אז אין אנהייב האבן די אנשי כנסת הגדולה נישט מתקן געווען א באזונדערע ברכה אויף מלכות בית דוד, נאר עס אריינגערעכנט אין די ברכה אויף בנין ירושלים. אבער נאך חורבן בית שני ווען די חכמי ישראל האבן געזען אז עס האבן זיך פארמערט אין כלל ישראל משיחי שקר וואס האבן פרובירט צו נייטן די הערצער פון די אידן נאך זיי, האבן זיי מתקן געווען די ברכה 'את צמח דוד', צו זאגן אז מיר דארפן האפן אויף די גאולה וואס וועט קומען דורך משיח בן דוד, און מיר טארן נישט נאכגיין נאך די וואס זענען נישט מזרע דוד וואס רופן אויס אויף זיך ווי משיח ('תיקון תפילה' סידור 'אוצר התפילות' הערה לשמו"ע דף קנב, בדעת המדרש במ"ר יח כא).

### די באדייט פון די ברכה

דער צוועלעפטער עיקר פון די דרייצן עיקרי האמונה וואס דער רמב"ם רעכנט אויס (פירוש המשנה סנהדרין הקדמה לפרק י), איז אונז מחייב צו גלייבן אז דער מלך המשיח וואס וועט זיין פון דוד און שלמה'ס קינדער וועט אנטפלעקט ווערן און אונז קומען אויסלייזן, אזוי ווי מיר זענען צוגעזאגט געווארן אויף דעם אין תורה און אין נביאים.

דער מהר"ל ערקלערט אז וועגן דעם הייבט זיך נישט אן די ברכה מיט א בקשה: "תצמיח לנו את צמח דוד". ווייל דער לשון וואלט אויסגעזען אז מיר זענען חלילה נישט פארזיכערט אין ביאת המשיח און מיר דארפן בעטן אויף דעם. נאר די חכמים האבן מתקן געווען עס אנהייבן מיט די ווערטער: "את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח", ד.מ. מיר גלייבן אין צמיחת מלכות בית דוד, און מיר בעטן נאר עס זאל זיין במהרה בימינו ('נתיבות עולם' נתיב התורה פרק יד).

דער רמב"ם (מלכים יא א) שרייבט: "מלך המשיח עתיד לעמוד ולהחזיר מלכות דוד ליושנה לממשלה הראשונה... וכל מי שאינו מאמין בו, או מי שאינו מחכה לביאתו, לא בשאר נביאים בלבד הוא כופר, אלא בתורה ובמשה רבינו..." דער גרי"ז מבריסק איז מדייק פון די רמב"ם אז עס איז נישט גענוג צו גלייבן אין ביאת המשיח נאר מען דארף לעבן מיט א שטענדיגע האפענונג אויף זיין קומען, ווייל ווער עס גלייבט באמונה שלימה אז משיח קען יעדע מינוט אנטפלעקט ווערן פאר אונזערע אויגן, וועט שטענדיגווארטן אויף אים. דער יסוד קומט אויך ארויס פון דעם וואס מיר זאגן ביי די ברכה: "כי לישועתך קוינו כל היום", נישט "בכל יום", נאר "כל היום" אין פולסטן זין האפט מען אויף די גאולה ('פניני רבנו הגרי"ז' עמ' פה).

### די געבוי פון די ברכה

די ברכה הייבט זיך אן מיט די ווערטער: "את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח", אזוי ווי שיטה פון רבי יהושע בן לוי (ירושלמי ברכות ב ד) אז דער נאמען פון משיח בן דוד איז 'צמח', ווי עס שטייט (זכריה ו ב): "הִנֵּה אִישׁ צֶמַח שְׁמוֹ וּמִתַּחְתָּיו יִצְמָח וּבָנָה אֶת הֵיכַל ה'" ('עץ יוסף' בסידור 'אוצר התפילות').

אין די פארזעצונג פון די ברכה ערקלערן מיר אז בעטן אויף קירוב הגאולה אלס שכר פון האפן: "את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח... כי לישועתך קוינו כל היום", און אזוי ווי די חכמים זאגן (ילק"ש תהלים תשלו) אז אפילו "אין ביד ישראל אלא הקיווי, כדאי הן לגאולה בשכר הקיווי". און ווייל די האפענונג וואס צוליב דעם זענען מיר זוכה צו די גאולה קומט נאר צוליב אונזער ווארטן אויף די גאולה פון די שכינה וואס איז זיך מצטער מיט אונז אין גלות, זאגן מיר "כי לישועתך קוינו כל היום" - "לישועתך" און נישט לישועתנו ('צמח דוד' [פון רבי יוסף דוד מסאלוניקי] ויחי).

די חכמים אנטפלעקן אונז (שבת לא ב) אז פון יעדן איד וועט מען פרעגן שטייענדיג אין בית דין של מעלה נאך זיין אריכות ימים ושנים אויב ער האט געווארט אויף די גאולה. לויט דעם שטייט אין ספר 'שער הכוונות' (דרושי העמידה דרוש ו): "ווען דו זאגסט 'כי לישועתך קוינו כל היום', זאלסטו אינזין צו האפן און ווארטן יעדן טאג אויף די ישועה, כדי דו זאלסט נישט פארשעמט ווערן ווען דו וועסט שטיין אין בית דין של מעלה און מען וועט דיך פרעגן: 'ציפית לישועה?'".

### פויעלן אלע ישועות

דער מקובל רבי יעקב צמח שרייבט אין זיין ספר 'נגיד ומצוה' (עמידה) א באזונדערע כוונה וואס מען קען צולייגן און אינזין האבן ביים זאגן "כי לישועתך קוינו כל היום", און אזוי שרייבט ער: "און אויך האב איך אינזין צו ווארטן אויף די ישועת ה' וואס ער טוט מיט אונז צו ראטעווען פון עטליכע סארט שוועריקייטן יעדן טאג און יעדע מינוט, און עטליכע מאל האב איך געזען אין דעם א געוואלדיגע נוצן" (דבריו הובאו ב'שערי תשובה' או"ח קיח א). ד.מ., כאטש די תפילה איז אויף די האפענונג צו די גאולה, פלעגט דער מהר"י צמח אויך אינזין האבן אויף די האפענונג צו די פריוואטע ישועה וואס ער האט זיך גענויטיגט אין יענע צייט, א פאקט וואס לויט זיינע ווערטער האט עס אים געברענגט א גרויסע נוצן. דער 'פלא יועץ' (ערך תשועה) ברענגט אין נאמען פון אר"י אז מען דארף זיך אזוי פירן הלכה למעשה און ענדיגט "ויש בזה תועלת נפלא".

דער בעל 'שומר אמונים' (מאמר הגאולה פרק ג) ערקלערט אז דווקא ווייל די תפילה "כי לישועתך קווינו כל היום" איז געצילט אויף די גאולה השלימה, קען דער מענטש אויספויעלן דורך דעם יעדע פריוואטע ישועה וואס ער נויטיגט זיך אין דעם, ווייל אין די גאולה השלימה איז דאך אריינגערעכנט אלע ישועות.

### די כוונה פון אמן

עס איז אמת אז דו וועסט מאכן ארויסשפראצן אונזער ישועה און הלוואי מיר זאלן שוין זוכה זיין צו דעם במהרה בימינו

# אוצר הברכות

מאה ברכות אין די פרשה

"עַל כֵּן יֹאמְרוּ הַמֹּשְׁלִים בֹּאוּ חֶשְׁבּוֹן" (כא כו)

"בואו ונחשוב חשבונו של עולם - הפסד מצווה כנגד שכרה" (ב"ב עח ב).

דער משפיע **רבי אלי' ראטה** האט אמאל געזאגט פאר זיינע צוהערער:

"ענק זאלן וויסן, דורך ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, זענען

### פארטרייבן די קראנקייטן פון הויז

מיר משפיע אויף אונז השפעות טובות בגשמיות און ברוחניות, און מיר פארטרייבן די קראנקייטן פון הויז. יעדער מענטש דארף טון דעם ריכטיגן חשבון, וואס איז אים חשובער - צי גיין צו דאקטורים אדער ענטפערן אמן אויפן קול? ווייל דאס איז דאך א וואונדערליכע סגולה ניצול ווערן פון דאס אלעס און זוכה זיין צו א ישועה און הצלחה אין אלע ענינים".

'איש חסיד היה' [תולדות רבי אלי' ראטה] עמ' רלא

**"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".**

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן אמן נאך ברכות השחר

### מתקן זיין פון דאסניי דער מנהג וואס איז פארגעסן געווארן

אין ענדע יאר תש"ע איז פארגעקומען אין בני ברק א 'בני אמונים' צוזאמקום מחזק זיין די מצוה פון ענטפערן אמן, אין שפיץ פון הגאון בעל 'שבט הלוי'. אין זיינע רייד וואס ער האט געהאלטן פאר די פארזאמלטע האט ער זיך באצויגן צו דער מנהג פון זאגן ברכות השחר בחברותא, און אזוי האט ער געזאגט:

"א פריערדיגער מנהג איז געווען, צו זאגן די אלע ברכות השחר בציבור, אויך די ברכות בעפאר די ברכה 'הנותן לשכוי בינה' און ווייטער. אלע פלעגן זאגן די ברכות צוזאמען, איינער האט געזאגט און זיין חבר האט געענטפערט אמן, און נאכדעם האבן זיי זיך געטוישט, דער צווייטער האט געזאגט די ברכות און דער ערשטער האט געענטפערט אויף זיינע ברכות. דער מנהג איז פארגעסן געווארן אין די לעצטערע צייטן, און אונזער חשובער ידיד רבי יעקב דוב מארמארשטיין הי"ו האט זוכה געווען אנכאפן די עץ החיים פון מזכה זין דעם רבים, מיט זיינע פעולות מחזק זיין דאס ענטפערן אמן, און וויל אויפלעבן און גרינדן פון דאסניי דעם פריערדיגן מנהג, אין א בחינה פון "שכחום וחזרו ויסדום" (שבת קד א)".

### דאס איז גורם צו זאגן די ברכות במתינות און אויפן קול

דער גרינדער און נשיא 'בני אמונים' רבי יעקב דוב מארמארשטיין שליט"א האט אויך זוכה באקומען א אויסנאם הייליגע בריוו, וואס בעל 'שבט הלוי' האט צו אים געשריבן, וואו דארט איז ער אים מחזק מיט זיינע אקטיוויטעטן צו באפעסטיגן און שטארקן דעם מנהג פון זאגן ברכות השחר בחברותא:

ב"ה, חודש הרחמים והסליחות תשס"ט לפ"ק,

שמעתי וישמח ליבי כי כבוד תלמידי רב הפעלים לצדקה וחסד, הר"ר יעקב דב מרמורשטיין לאוי"ט, הגה ברוחו הטובה, ברוח של מצוה, לעורר ולהשריש בקרב צעירי הצאן והמוני עם, מנהג ישראל קדום לומר ברכות השחר ושאר ברכות בקול רם ומזכה את חברו בעניית אמן. וכבוד תלמידי הנ"ל משקיע בזה הרבה מאד מהונו ואונו להרגילם למנהג טוב זה, ומקיים בעצמו 'האי מאן דבעי למהוי חסידא - לקיים מילי דברכות'.

והנה כבר מובא בחז"ל גודל עניית אמן והדברים עתיקים וידועים. ומה עוד שזה גורם לחנך את הצעירים לומר הברכות במתינות, בכוונה ובקול רם. ועיין מעשה נורא ב'אור זרוע' ח"ב בהלכות שבת סי' מב בענין זה.

על כן, אף ידי תיכון עמו לחזקו ולעודדו ולהמשיך בזה, ואין מזרזין אלא לזריזין, ובזכות מצוה רבה זו ופעולותיו הגדולות לתורה וחסד, יזכו הוא וביתו להיפקד בדבר ישועה ורחמים, ויצליחו בכל אשר יפנו לטובה.

רבו דורש שלומו באהבה
(-מקום החותם-)

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער לייענער

**צו די געשעצטע שטאב 'וכל מאמינים' און 'בני אמונים'**

**אין שפיץ פון הרב יעקב דוב מארמארשטיין שליט"א**

אין דעם בלעטל פון פרשת "נשא" איז אראפ געברענגט געווארן אז ביים זאגן א ברכה איז מען מקיים צוויי מצוות; איינס - דאס עצם זאגן די ברכה, און אויסער דעם - איז מען מקיים זיין די מצוה פון מאה ברכות. דאס איז א וואונדערליכע און פארשטענדליכע הארה.

לויט דעם האב איך געטראכט, אז אויך לויט די דעה אז 'תפילת ערבית רשות' (ראה ברכות כו ב), איז עס נאר 'רשות' אין באציאונג צו דער עצם חיוב פון תפילה, אבער מצד דער חיוב פון 'מאה ברכות' איז עס א חובה, איבערהויפט לויט וואס עס זעט אויס פון די פוסקים אז דער חיוב פון מאה ברכות איז מען מקיים בעיקר מיט די ברכות וואס די חכמים האבן מתקן געווען אין דעם סדר היום.

און אפשר וועגן דעם פסק'נט דער רמב"ם (תפילה א ו) "אין תפלת ערבית חובה כתפלת שחרית ומנחה, ואף על פי כן נהגו כל ישראל בכל מקומות מושבותיהם להתפלל ערבית וקבלוה עליהם כתפלת חובה". ד.מ., עס איז נישט קיין חובה אלס דין תפילה, אבער מען האט עס אנגענומען ווי א חוב צו קענען מקיים זיין די מצוה פון מאה ברכות אין דעם סדר היום.

מיט אסאך ברכות
**ש. פרידמאן**
**פון די איינוואוינער אין דרום א"י**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס
9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא


דער 'לב שמחה' פון גור זי"ע

### 'לב שמחה' פון גור
### ז' תמוז תשנ"ב

דער גערער רבי בעל 'לב שמחה', איז געבוירן צו זיין פאטער בעל 'אמרי אמת' כ"ג ניסן תרנ"ח אין די שטעטעלע גור, פולין. ביי די הסתלקות פון זיין פאטער בעל 'אמרי אמת', האט זיין ברודער דער 'בית ישראל' איבערגענומען די הנהגה. זיין ברודער דער לב שמחה האט זיך מקשר געווען צו אים בלב ונפש, ווי א געוועגליכער חסיד, בהצנע לכת און מיט דער ריכטיגער ביטול.

אין יאר תשל"ז ביי די פטירה פון זיין ברודער דער 'בית ישראל', און ער איז שוין דעמאלטס געווען אין עלטער פון אכציג יאר, האט ער נישט געוואלט אננעמען די הנהגה, אבער צוליב די געבעט פון די חסידים האט ער אנגענומען די פירערשאפט. כאטש זיין גאנץ לעבן איז ער געווען באהאלטן, ווען עס האט זיך אנגעהויבן זיין הנהגה, האבן זיך אלע דערוואוסט מיט דעם 'אור עולם' וואס איז באהאלטן אין אים, זיין ווערטער זענען געווען קורץ, געמאסטן און געשניטן, אבער זיינע פאדערונגען זענען שארף ביז צו די טיפענישן פון די הערצער. רוב פון זיינע שמועסן איז געווען ארום איין פונקט - דבקות אין ה'.

אין זיינע לעצטע יארן איז ער קראנק געווארן און מיטוואך ז' תמוז תשנ"ב איז ער נפטר געווארן און באערדיגט געווארן אין מערת בית גור אין 'הר הזיתים', ירושלים.

### די גרויסע זכיה פון ענטפערן אמן

"עס ווערט געברענגט אין מדרש (דברים רבה ז א): 'אין גדול לפני הקב"ה יותר מאמן שישראל עונים'; אפשר דארף דער עולם מער נתעורר ווערן, און וויסן די גרויסע חשיבות און מעלה פון ענטפערן אמן, דער עולם ווייסט נישט וואס מ'פארמאגט, אזא גרויסע זאך ווי ענטפערן אמן". ('לב שמחה' כי תבוא).

### מאה ברכות אקעגן די מאה שערים

דער חיוב פון מאה ברכות האבן די חכמים אוועקגעשטעלט אויפן פסוק (דברים י יב) 'ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך'" - אל תקרי 'מה' אלא 'מאה'. די אויסדרוק "שואל מעמך" איז געשריבן געווארן דווקא אויף די חיוב פון מאה ברכות, ווייל יעדן טאג עפענען זיך הונדערט שערי ברכה אין זכות פון זאגן מאה ברכות ('רקנאטי' תולדות). און ווייל הקב"ה וויל משפיע זיין אלעס גוט'ס פאר די אידן, דעריבער בעט ער פון די אידן זיי זאלן זאגן יעדן טאג מאה ברכות, כדי זיי זאלן זוכה זיין צובאקומען די שפע ('לב שמחה' תולדות).